# יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Oplata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT פרייז 30 גראשען (טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע — זעה זייט 4) היינט 20 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

| № 87 | Łódź, Piątek, 13 kwietnia 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, כ"ח ניסן תרצ"ד | № 87 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

## וויכטיג פיר יעם!

דערמיט מאכען מיר בעקאנט דער ג. קונדשאפט, אז מיר ערעפענען קירצליך אין אונזער לאקאל אויף 54 פיעטריקאווער 54 געניוערעס אין די וויטערדיגע צנאנסען.

## אנ'ערשטקלאסיג-מאדערנעם כשר'ן באר

און וועט זיין פערזעהען מיט הייסע און קאלטע צובייסען אונטער דער לייטונג פון 1-טען לאדזער יודישען קוך-מייסטער ה' שמעון בערנהלים.

מיט אכטונג די פעראייניגטע יודישע פליישער אין לאדז, פיעטריקאווער 54.

## קינא „ROXY"

20 נארוטאוויטשא 20

אנהויב שבת און זונטאג 12 א זייגער בייטאג

צו בילליגע פרייזען.

די לעצטע 2 טעג!

פון גרעסטען מייסטערווערס פון אלע צייטען

## יזכור

מיט דעם גענייאלען קינסטלער

## מאריס שווארץ

פרייזען אויף אלע סעאנסען פון 80 גראשען

## אויפפאדערונג!

דערמיט פאדער איך אויף די שותפים די ה"ה

**ישראל ראקאווער און משה פינטשעווסקי**

אז זיי זאלען מיר ערלעדיגען דעם סכסוך אין משך פון 3 טעג, אין געגענפאל וועל איך געצוואונגען זיין ארויסצוטרעטען גע-ריכטליך און וועל נישט פעראנטווארטליך זיין פאר די ווייטערדיגע פאלגען.

מיט אכטונג

**לייבל עקערמאן**

ערשטקלאסיגע שוועדישע

## שטריק-מאשינען

מיט 2 פאדען-פיהרערס צו בעקומען ביי

## אינזש. ג. פראשקער

לאדז, זאוואדזקא 16א,

טעלעפאן 52-127. 1483

## בעקאנטמאכונג

זונטאג, דעם 15-טען ד. ח. 11.30 פארמיטאג, וועט אין לאקאל פון צענטראלען סוחרים- און פאבריקאנטען-פערבאנד אויף דער לאדזער וואיעוואדזטווע פיעטריקאווער 10

ה' אדוואקאט יעזשי קעניגשטיין (ווארשא) האלטען א רעפעראט א. ד. ט.

**„דער נייער האנדעלס-קאדעקס"**

נאך דער פארלעזונג א דיסקוסיע. די ה"ה מיטגלידער ווערען געבעטען פינקטליך צו ערשיינען.

די פערוואלטונג

## א שול זוכט א לאקאל

(אדער 2 דירות בשכנות ביי די זעלבע טרעפען) פון 10–12 צימערן נישט ווייט פון פלאץ וואלנאשטשי. געווינשען פארטער שריפטליכע אפערטען ארייגשיקען אין דער אדמיניסטראציע אונטער „לאקאל", אדער טעלעפאניש 194-49 פון 6–7 נאכמ.

מיטוואך, דעם 2-טען מאי ד. י. קומט פאר אין „פילהארמאניע"

## א גראנדיעזער קאנצערט

געווידמעט דעם — 40 יעהריגען יובל פון פערדינסטפולען דיריגענט

## מ. דארגו-זשאנסקי

מיט דער בעטייליגונג פון דעם בעריהמטען אבערקאנטאר פון האנאווער **ישראל אלטער** און דעם אבערקאנטאר פון דער לאנדאנער סינאגאגע **ישראל לעווי**

צוזאמען מיט דעם מענער-קינסטלער-כאר פון „הזמיר"

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזערע פריינד

**ב. ארדינאנס און פאמיליע**

צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער אונפערגעסליכען

## נ"ע שלום

זייט געטרייסט מיט די טראדיציאנעלע ווערטער: המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

**פעראייניגטע יודישע פליישער**

אין לאדז, פילינסקיעגא 60.

הילפס-פעראיין „גמילת חסדים ביי חברה קדושה אמת. פון ערצטליכע מעדיצינישע הילף

לאדז, לימאנאווסקיעגא 7.

## בעריכט.

אין דער פערוואלטונג פון אויבענדערמאנטען פעראיין זענען געוועהלט געווארען פאלגענדע ה"ה:

פרעזעס: ד. שמולעוויטש, וויצע-פרעז.: ש. גרינ-שטיין און ה. זילבערשאץ. קאסירער: ה. איזביצקי, סעקרעטער: ס. האכמאן, רעוויז.-קאמיסיע: ש. וואלד-בערג, ז. יאנישאזש, ה. שערפינסקי. קאנדידאטען: ה. פיימאן, ח. וויינפעלד, עקאנאם: מ. וואלף, פערוואלטונגס-מיטגלידער: מ. בראנד, י. ה. שמולע-וויטש, ש. ברייטבארד, י. ב. שמולעוויטש, ב. שטערנפעלד, א. שווארצבערג, א. אפענבאך, מ. פעלדמאן, א. קאמעלגארן. 1467

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען מיין ליבער מאן, אונזער טייערער פאטער, שוויגער-פאטער, גרויספאטער, ברודער, שוואגער און פעטער

## נ"ע אירע ב"ר ישעי' דוב ז"ל ווינבערג

(געוואוינט אויף שקאלנא 23) אין עלטער פון 66 יאר

די לויה קומט פאר היינט, פרייטאג, כ"ח ניסן תרצ"ד 1 זייגער נאכמיטאג פון טרויער-הויז פאמאר-ניאווא 21 וואו עס טיילט מיט אין גרויס צער די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע

## הזכרה.

זונטאג, ד. 15 אפריל (ר"ח אייר) 11 א זייגער פארמ. קומט פאר אויפ'ן בית עולם אין פעטריקאוו א הזכרה און די ענטהילונג פון דער מצבה פון מיין אונפערגעסליכע פרוי, אונזער טייערע און ליבע מוטער

## נ"ע פייגה דבורה גמאלינסקא

אלע קרובים, פריינד און בעקאנטע ווערן געבעטען צו קומען. מאן, קינדער און פאמיליע.

די לייטונג

פון די ערשטע ארטאדאקסישע לערן- און ערציהונגס-אנשטאלטען

## „דרכי נעם"

פון גרשון אלי' ליסם אין לאדז

ערשטער „דרכי נעם" קילינסקיעגא 50, טעל. 215-26

צווייטער „דרכי נעם" אל. I מאי 20, טעל. 200-43

מאכט בעקאנט, אז לויט פעראָרדנונג פון דער שול-מאכט, דארפען די איינ-שרייבונגען פון תלמידים צום נייעם שול-יאהר – הן נייע הן אלטע תלמידים – פארקומען ביז דעם 1 מאי ד. י.

אין הספם מיט'ן דערמאנטען, ווערען שוין פון איצט אן אנגענומען איינשרייבונגען פון תלמידים צום נייעם שול-יאהר אין אונזערע איצט פער-גרעסערטע לערן-אנשטאלטען און גן-ילדים'ס.

ס'ווערט איצט אויך פערגרעסערט די מתיבתא לתלמוד ולהוראה ביי דער מיטארבייט פון בעוואוסטע רבנים גדולי תורה.

גלייכצייטיג זענען מיר מודיע, אז די 8-קל. גימנאזיאל-קורסען ווערען איצט רעארגאניזירט און צום נייעם שול-יאהר וועלען זיין טעטיג די 4, 5 און 6 גימנאזיאל-קלאסען, וואו א חוץ דעם גימנאזיאל-פראגראם ווערט אויך געלערנט די ענגלישע שפראך און קארעספאנדענץ.

עס ווערט אויך פערברייטערט דער פראגראם פון די גימנאזיאל-קלאסען מיט א פולען האנדעלס-קורס.

איינשרייבונגען ווערען אנגענומען טעגליך פון 9–1 און פון 4–7 און צו די 8-קלאסיגע גימנאזיאל-קורסען טעגליך פון 4—8 אווענד.

די לייטונג.

בעמערקונג: אויפ'ן פערלאנג פון די עלטערן, ווערען די יונגערע תלמידים אהיים בעגלייט.

# פּיניעלע מזיק
## גיט לשון



אַקלאַל, מאַמער שוין ווידער וואַלן. סעט זיך זיצן אַף טיש און אַף בענק. די גרויסע און ווילקע זיינען שוין מאַכן אַ בלאָקאַדע. מישמוזדים האַכוילים מיט זיך פּאַלאַנטשען מיט עוריס האַכוילים. דער מזישיון זיקייגים ועט זיך וויאַנזשען מיטן קינפּי־טורין־קליביק. בויסן לעיכעס עס קאַבן איין קרופּ־פּיק מיט טומכע אַרכים — אַלע טין זיך יעצט זלאָנ־טשען צו די וואַלן.

איך, פּיניעלע, וועגר מיך צי ענק, יאַטן און יאַטעכעס פון שמולן געסל און פון גאַנצן ערד־קיגעל פון באַליט מיט אַנ׳אויפריף:

גידענקט אַז יעצט איז גיקימען די צאַט, מיר זאָלן די ווילקער יאַטן וואַזן וואָס מיער, באַליטער יאַטן קענען, מיר, יאַטן פון שמולן געסל און פון גאַנצן ערד־קיגעל פון גאַנץ באַליט מוזן זיך יעצט אַביפירען און מיר עלן אַליין מאַכן אַ בלאָק. אַ בלאָק פון שמולן געסל. פון דער פּיפּערובקע, לעוואַ קעלמאַ פּראָוועטן־געסל און מיט אַנדערע ריכטיגנער. מיר עלן אַליינט אָפּסאַרבעטן אַ פּלאַצפאָרמע מיט אַני־אייגענעם פּאַגראַם (געמיינט: פּראָגראַם), מיר עלן אַראָפּשטעלן, אַנדערע אייגענע יאַטן צום שטאָט־ראַט (געמיינט: שטאָט־ראַט), מיר עלן אַנגאַזשירן וואַל־מיטיגן. מיר, יאַטן, פון שמולן געסל, עלן אַליינט האַלטן מאַוועס, מיר עלן אַליינט האַקן אַ טשייניק, און איז שטאָט־ראַר עלן מיר אַליינט פאַרטידיגן די אינטערעסן פון שמולן געסל און פון גאַנצן ערד־קיגל פון באַליט.

איך, פּיניעלע, זאַראַשע אַלע יאַטן אַן איבערשיד פון געשלעכט, מאַרגן, שאַביס נאָכן טשאָלענט אַפן באַליטער שיל־הויף צי יאַ וואַל־מיטיג.

באַר איין זאַך דאַרפט ער גידענקען: טאַמער עט זיך אַ ווילקער יאַט אונטערשטיין צו מאַכן אַ אישעבריך, זאָלט ער באַלד לייגן לאַטעס.

אַף מיר אַ גיטן שאַביס!

—:ט:—

## אויפ׳ן דעפּטאַק

ער: כ׳זאַג איהן פּאַניע כייקע, זי זענען פּונקט ווי דער פּריהליבג.

זי: מיט וואָס?

ער: אַזוי געפּרוירענע.

# ווער איז דער געליטענער?
## געריכט צווישען העניך קאַן און דוד בייגעלמאַן

אין די מוזיקאַלישע קרייזען דערצעהלט מען אַזאַ מעשה:

העניך קאַן בעשולדיגט דוד בייגעלמאַן אַז דער לעצטער האָט איהם אונטערגעהאַקט אַ קאָנטראַקט. יעדער פון זיי האָט געטענהט: אַז דער קאָנטראַקט איז זייער. ס׳איז געזעצט געוואָרען אַ חברים־געריכט, וואו בידע האָבען בעלעגט זייערע טענות. אויף דער פראַגע פון שידס־ריכטער, ווער עס איז דער געליטענער האָט דער עקספּערט דאַרגאַזשאַנסקי געענטפערט:

— קיינער נישט.

— נו, ווער פון בידע האָט דאָך געליטען? — פרעגט דער ריכטער.

— שאַעפען — האָט דער עקספּערט קורץ געענטפערט.

## פיינגאָלדס באַטשקעס, נעביך!
### דיאַלאָג אין „אַסטאָריאַ"

— חבר פיינגאָלד, וואו האָט איהר אַהינגעטון אייערע באַטשקעס. כ׳האָב דאָך אייך קוים דערקענט.

— איך אַליין האָב אויך, קוקענדיג אין שפּיגעל אַריין געהאַט דעם זעלבען איינדרוק. נאָך גוט, וואָס כ׳האָב מיך דערקענט לויט דער שטימע!..

## איז „גראַנד קאַפע"

גאַסט (צום קעלנער): איך האָב ביי זיך נאָר אַ האַלבען זלאָטע, וואָס וואָלט איהר מיך געראָטען.

קעלנער: צו טוישען דעם לאָקאַל.

## סוחרישער פּרינציפּ

ריכטער (צו אַ סוחר): זענט איהר גרייט צוריקצוציהען אייער בעליידיגונג געגען אייער שכן?

סוחר: אויסגעשלאָסען! איך נעהם פּרינציפּיעל נישט צוריק. איך קאָן דאָס העכסטען אויסטוישען.

## ער קאָן נישט שווימען

— כ׳קום איצט פון בעלגיען.

— אַזוי? שלום־עליכם, וואָס הערט זיך דאָרט?

— מ׳שווימט אין גאָלד.

— טאָ, פאַרוואָס ביסטו צוריקגעקומען?

— ווייל איך קאָן נישט שווימען.

## ז׳גורי
### לאָדזשער פּאַניענקעס

אַלטער בחור (צו אַ יונג מיידעל): זאָג מיר קעצעלע, וועל איך קענען געפינען אַן אָרט אין דיין האַרץ?

מיידעל: ס׳וועט זיך נאָך געפינען פאַר אייך אַ שטיקעל אָרט, איהר וועט אָבער מוזען בעצאָהלען אַ הויך דירה־געלד, און דאָס ז׳גורי.

## אַ וואונדער־קינד

מוטער (צו דער 6־יעהריגער רוטקע): רוטקעשי, גיב אַ קוש דעם פעטער.

קינד: ווי וויל דער וואַרשעק זאָל איך קושען אַ־לאַ גרעטאַ גאַרבאָ אָדער אַ־לאַ דיטריך?

## אייפערזוכט

פרוי: בעמערקען זי נישט, אַז מיין נייער הוט מאַכט מיך יונגער מיט צעהן יאָהר?

צווייטע: ווי אַלט זענען זי דען?

ערשטע: 28 יאָהר.

צווייטע: מיטן נייעם הוט צי אין דעם אַלטען הוט?

## וואָס די ערד דעקט צו...

אַ היגער רייזענדער איז מיט עטליכע וואָכען צוריק געוואָרען אַנ׳אַלמן, צו די שלושים האָט ער חתונה געהאַט מיט דעם ווייבס אַ יונגערע שוועסטער.

— נאָך וועמען טראָגסטו זשאַלאָבע? — פרעגט איהם אַ בעקאַנטער צומאָרגענס נאָך דער חתונה.

— נאָך מיין שוועגערין — האָט דער רייזענדער געענטפערט.

## סמאַט! סמאַט!...

אויף פולבאַצבאַ גאַס שרייט אַ סמאַט:

— פייאַנס געב איך פאַר שמאַטעס!

אַ סוחר רופט דעם סמאַט, הייסט זיך געבען אַ ביסעל פייאַנס און דערלאַנגט איהם ...אַ וועקסעל.

## עכט לאָדזשעריש

כלה (טאָכטער פון אַ פאַבריקאַנט צום חתן): איך גלויב דיר, אַז דו ליבסט מיך, אָבער וואָס וואָלסטו געטון, ווען דער טאַטע רעגולירט דעם נדן אויף פופציג פּראָצענט?

חתן: (אַ סוחר): נו, וואָלט איך געגאַנגען פּליטה.

## אַ גרויסער חסרון

— כ׳האָב געהערט, אַז איהר קומט נאָר וואָס פון בערלין, וואָס הערט זיך אין בערלין? ווי געפעלט אייך די שטאָט?

— די שטאָט איז אַ גאַנץ שעהנע, זי האָט נאָר איין חסרון: וואָס ס׳זענען דאָרט דאָ דייטשען.

---

# דער קונדס

הומאָר ● סאַטירע ●

צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאַגע צום „נייעם פאָלקסבלאַט" נו׳ מער 87

פרייטאָג, דעם 13 אַפּריל 1934

## אויפ׳ן ריכטיגען אדרעס



**שעלקע־סוחר: קויפט אַ פּאָר שעלקעס ביליג.**

**סוחר: טראָגט זיי, זייט מוחל, אין אויזשאַנד אַריין**

**ווייל מאָרגען נעמט מען ביי מיר צו די לעצטע**

**פּאָר הויזען...**

